# DOS SHTIBELE

Leib Kvitko



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.



„צענטרפאַרלאַג” כאַרקאָוו

[0.87.1]



איינמאָל האָט אַ טעפּער געפירט טעפּ
צו פאַרקויפן. איין קריגעלע האָט זיך ארויס־
גערוקט פונם וואָגן און זיך פאַרקייקלט
אין א זייט. דער טעפּער האָט עס ניט באַ־
מערקט און דאָס קריגעלע איז געבליבן
ליגן אין טיפן גראָז.



— זום — זום — איז פאַרבײַגעפלויגן אַ פליגעלע
און דערזען דאָס קריגעלע.
— ווער קער דאָ וואוינען?
— שטיבעלע, שטיבעלע, ווער וואוינט דאָ?
קיינער ענטפערט ניט, שא, שטיל. איז אַרײַן דאָס
פליגעלע און געבליבן אין קריגעלע.



לויפט דאָ דורך, מיזעלע־מייזעלע.
— שטיבעלע־הייזעלע, ווער וואוינט דאָ.
— פליגעלע־מיגעלע — און דאָ ווער ביסט?
— איך מיזעלע־מייזעלע.
— בלייב דאָ מיט מיר. — איז מיזעלע־מייזעלע געבליבן אינם הייזעלע.



קומט צו שפּרינגען אַ פראָש קווא־קווא. דערזעט עפּעס רודערט אין קריגעלע.

— שטיבּעלע־הייזעלע, ווער וואוינט בּא דיר?

— פליגעלע־מיגעלע, מיזעלע־מייזעלע.

— אר־חאַ! און איך בּין פראָש קווא־קווא.

— בּלייבּ דאָ מיט אונז.

— זיינען זיי שוין אינדרייען.




שפרינגט דורך בּאַ דער זײַט, ניט ווײַט, העזל־טעזל, צוגעשפּרינגען צום קריגל.

— שטיבּעלע־הײַזעלע, ווער וואוינט דאָ?

— פליגעלע־מיגעלע, מיזעלע־מײַזעלע און פראָש קוואַקווא. און דו ווער בּיסט?

— העזל־טעזל.

— בּלײַבּ דאָ מיט אונז. וואוינען זײַ שוין אין פירן.



איז פון א דעמב אַראָפגעפלויגן א פייגעלע. האָט זיך אוועקגעשטעלט אפן קריגעלע און אַריינגעקוקט אהין.

— שטיבעלע־הייזעלע, ווער וואוינט דאָ?

— פליגעלע־מיגעלע, מיזעלע־מייזעלע, פראש־קוואקווא, העזל־טעזל,— און דו ווער ביסט?

— איך? פייגעלע קליין־אייגעלע.

— בלייב דאָ מיט אונז.

וואוינען זיי שוין זאלבעפינפט.



אין אָוונט איז דער איזשאַק פון באָרע ארויס עפּעס איבערכאפּן, געבלאָנזעט, געבלאָנזעט און ארויף אפן קריגעלע.

— שטיבעלע־הייזעלע, ווער וואוינט דאָ.

— פליגעלע־מיגעלע און מיזעלע־מייזעלע און פראש־קוואקווא און העזל־טעזל און פייגעלע קליין־אייגעלע — דו ווער ביסט?


— איך, איזשאַק־שטעכאַק.

— בלייב דאָ מיט אונז.

אזוי־אָ האָט זיך צענויפגעקליבן אַ רעכטע בעוורע. מע העלפט איינס דעם צווייטן און מע לעבט גוט.




— נאָר איינמאָל האָט געטראָפֿן, ס׳איז א בער אהער פֿאַרלאָפֿן און געטון אַ ברום:
— שטיבעלע־הייזעלע, ווער וואוינט דאָ?
— פֿליגעלע־מיגעלע און מיזעלע־מייזעלע, און פראָש־קוואקווא און העזל־טעזל און פֿיגעלע־קליין־אייגעלע און איזשאַק־שטעכאַק. — און דו ווער ביסט?
— איך? — אַ בער, אַנו נאָר אהער! כעוורע־דראפּע, פֿאַרזוכט נאָר מיין לאפּע.



האָט זיך שטאַרק צערודערט אין קריגעלע און מיט א אמאָל זיינען אלע ארויס און זיך געוואָרפן אפן סוינע.

פליגעלע־מיגעלע האָט זיך א נעם געטון אים בייסן. פייגעלע־קליין־אייגעלע אים פיקן און רייסן. און דער איזשאק־שטעכאק — אונטער די פיס זיך געוואָרפן און גע־שטאָכן, געשטאָכן, געשטאָכן.



זעט שוין דער בּער אַז מיט אזא שטאַרקער כעוורע איז א שרעק — האָט ער גע־
כאַפּט די פיס אף די פּלייצעס און קוים מיט צאָרעס אַוועק!

פרײַז 22 קאָפּ.

„קוק און לײען“.

1. מאָל שמעטערלעך —פר. 10
2. װילדע כאַיעס . . . —פר. 13
3. מאָל פײגעלעך . . . —פר. 10
4. די מענטשן פאָרן —פר. 10
5. אײזיקל אף דער רײזע—פר. [illegible]
6. מאָל שפּילעכלעך . . —פר. [illegible]
7. הײמישע כאַיעס . —פר. [illegible] ק.
שפּיל און שפּילעכלעך—פר. [illegible] ק.
א ציג מיט 7 ציגעלעך—פר. 22 ק.
10. דאָס שטיבעלע . . —פר. 22 ק.

## Хатка-Хатинна

Л. КВІТКО Малюнки — Г.



Всеукраїнська філія Центрального Видавництва Народів СРСР
при Президії ВУЦВК'у — Харків (Палац Праці).

Виконано Видавництвом КУЛЬТУРА

Укрголовліт №2803/3639